בס"ד

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

פרשת נח תשפ"ה
גליון קט"ז
שנה ד'

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

### דער קטרוג איז געווען אויף עריות וואס איז הארבער אבער אפילו אויף גזל וואלט זיך אויך געקומען דעם עונש פון מבול

**ויראה אלקים את הארץ והנה נשחתה... ויאמר אלקים לנח קץ כל בשר בא לפני כי מלאה הארץ חמס מפניהם.** (ו, יב-יג)

די מפרשים שטעלן זיך שוין, אז קודם שטייט אז דער אויבערשטער האט געזען אז די וועלט איז פול געווארן מיט **השחתה** - דאס מיינט עריות, און גלייך נאכדעם שטייט אז דער מבול גייט קומען ווייל די וועלט איז פול געווארן מיט **גזל**, איז וועלכע עבירה האט גורם געווען אז עס זאל קומען דער מבול? (עי' רש"י)

קען מען זאגן, לויט ווי חז"ל זאגן (ב"ב קסה.) "רובן בגזל ומיעוטן בעריות", אז רוב מענטשן ווערן נכשל מיט גזל און א מיעוט מיט עריות. זעט מען אז אויף גזל איז דא א שטערקערע יצר הרע, און אויב אזוי איז דאס א סיבה **מקיל צו זיין** אינעם עונש, ווייל איינער וואס ווערט נכשל מיט גזל האט דאך א לימוד זכות אז ער האט נישט געקענט בייקומען אזא **שווערע** יצר הרע, משא"כ אויף עריות - וואס דעם יצר הרע איז גרינגער בייצוקומען - איז דער עונש אסאך הארבער.

יעצט למעשה האט דער דור המבול געהאט ביידע חטאים סיי **גזל** און סיי **עריות**, און אונז האבן מיר א כלל "קם ליה בדרבה מיניה" - אז ווען א מענטש טוט צוויי עבירות איז מען אים דן אויף די הארבערע, וועגן דעם שטייט קודם "**וירא אלקים את הארץ והנה נשחתה**" אז דער מידת הדין האט געקוקט אויף די הארבערע חטא פון עריות, און אויף דעם איז זיך זיי געקומען דעם עונש פון כליה.

זאגט אבער דער פסוק ווייטער: "**ויאמר אלקים לנח**" אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר נח, זאלסט נישט מיינען אז אויב מ'קוקט ווען אויפן חטא פון **גזל** וואלט מען זיי מקיל געווען אינעם עונש, ניין! דער אמת איז "**קץ כל בשר בא לפני כי מלאה הארץ חמס**" אז אפילו פאר'ן חטא פון **גזל** וואלט זיך זיי שוין אויך געקומען דעם עונש, ווייל זיי זענען שוין אזוי זינדיג מיט גזל אז אפילו פאר דעם אליינס וואלט זיך זיי אויך געקומען דעם עונש, נאר למעשה האט דער מידת הדין מקטרג געווען אויף **עריות** ווייל דאס איז א הארבערע חטא און אויף דעם דארף מען שטערקער מעניש זיין.

### נח האט געקענט פארשטיין פון זיין עסן אז עס האט א ברכה בדרך נס און ממילא דארף ער נישט שפארן פון די בעלי חיים

**ואתה קח לך מכל מאכל אשר יאכל... והיה לך ולהם לאכלה.** (ו, כא)

די גמרא זאגט (ברכות מ.) אז א מענטש טאר נישט עסן איידער ער גיבט פאר זיינע בהמות צו עסן, ווי מ'לערנט ארויס פונעם פסוק (דברים יא, טו) "**ונתתי עשב בשדך לבהמתך ואכלת ושבעת**" אז קודם דארף מען געבן עסן פאר די בהמות און נאכדעם קען דער מענטש עסן. אויב אזוי, פארוואס שטייט דא "**והיה לך ולהם לאכלה**" קודם נח און נאכדעם די בעלי חיים?

קען מען זאגן, לויט ווי רש"י זאגט (פסוק ז' ד"ה מפני מי המבול) אז נח איז געווען "מקטני אמנה" און ער האט נישט אינגאנצן געגלייבט, איז קען זיין אז צוליב זיין חוסר שלימות אין אמונה האט ער אויך חושש געווען צו די עסן אין די תיבה וועט זיין גענוג פאר אלע בעלי חיים אויף אזא לאנגע צייט, און צוליב דעם ער האט געקלערט צו שפאָרן פון די בעלי חיים'ס עסן כדי ס'זאל אים נישט פעלן פאר אים און זיינע קינדער.

און באמת על פי טבע וואלט טאקע נישט געווען במציאות אז נח זאל קענען אריינברענגען אין די תיבה אזא קוואנטום פון עסן וואס זאל זיין גענוג פאר אלע בעלי חיים אויף א יאר צייט, נאר דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט א ספעציעלע ברכה אין די עסן אז בדרך נס איז אפילו אביסל געווען גענוג זאט צו ווערן (כעין המבואר ברש"י ויקרא כו, ה "אוכל קמעא ומתברך במעיו").

וועגן דעם שטייט קודם "**והיה לך**" אז פון דעם וואס נח וועט זען **ביי אים אליינס** אז ער ווערט זאט פון אביסל עסן, וועט ער פארשטיין אז די עסן האט א ברכה בדרך נס אז אפילו ווייניג איז גענוג זאט צו ווערן, ממילא "**ולהם לאכלה**" וועט ער אויך נישט שפארן צו געבן פאר די בעלי חיים וויפיל זיי דארפן, ווייל ער וועט נישט מורא האבן אז צוליב דעם וועט אים פעלן פון זיין אייגענע עסן.

### נאכן מבול איז באוואוסט געווארן אז נאר נח אליינס גייט האבן מנוחה פונעם מבול

**וישאר אך נח.** (ז, כג)

לכאורה דארף מען מדייק זיין, פארוואס שטייט "אך" נח? (עי' רש"י)

נאר ווען נח איז געבוירן געווארן שטייט (לעיל ה, כט) "**ויקרא את שמו נח לאמר זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו**", טייטשט דארט דער אלשיך הק', אז למך האט שוין געוואוסט אז די גאנצע וועלט גייט אונטערגיין ביים מבול און נאר נח גייט איבערבלייבן, און וועגן דעם "**ויקרא את שמו נח**" מרמז צו זיין אז נאר ער גייט האבן **מנוחה** פונעם מבול. אבער פאר די מענטשן פון זיין דור האט ער דאס נישט געוואלט זאגן כדי זיי נישט אויפצורעגן, איז פאר זיי "**לאמר**" - האט

ער געזאגט - אז ער רופט אים **נח** ווייל "**זה ינחמנו ממעשנו**" ווייל אין זיין צייט גייט נאכלאזן די קללה וואס די ערד האט באקומען ביים חטא אדם הראשון, און **אלע מענטשן** וועלן געטרייסט ווערן דורך אים פון די שווערע ארבעט.

קומט דאך אויס אז באמת האט דער נאמען "**נח**" געמיינט אז **נאר ער** גייט בלייבן פונעם מבול, און "**זה ינחמנו**" - אז **אלע** וועלן געטרייסט ווערן דורך אים - איז געווען בלויז אן אויסרייד פאר די מענטשן. אויב אזוי שטימט זייער גוט אז נאכן מבול שטייט "וישאר **אך** נח" אז יעצט איז געבליבן **נאר נח**, דהיינו אז זיין נאמען באדייט אז **נאר ער אליין** וועט האבן מנוחה פונעם מבול, און נישט אז די גאנצע דור וועט ווערן געטרייסט.

## די שבועה אויפן מבול איז געווען על דעת חבירו כדי דאס זאל קיינמאל נישט קענען בטל ווערן

**וירח ה' את ריח הניחוח ויאמר ה' אל לבו לא אוסיף לקלל עוד את האדמה... ולא אוסיף עוד להכות את כל חי...** (ח, כא)

רש"י איז מפרש די כפל לשון "**לא אוסיף - ולא אוסיף**" אז דאס איז א לשון שבועה, ווי די גמרא זאגט (שבועות לו.) אז איבערזאגן א זאך צוויי מאל הייסט ווי א שבועה. און דאס איז וואס דער פסוק זאגט (ישעיה נד, ט) "אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי מֵעֲבוֹר מֵי נֹחַ" אז דער אויבערשטער האט געשוואוירן אז ער גייט מער נישט ברענגען א מבול, און מיר טרעפן אין ערגעץ נישט קיין שבועה חוץ פון דעם "כפל הלשון". ע"כ דברי רש"י.

אבער למעשה ברענגט די גמרא דארט צוויי אנדערע פסוקים פון שפעטער אין די פרשה וואו דער אויבערשטער זאגט פאר נח (ט, יא-טו) "**ולא יכרת כל בשר עוד ממי המבול... ולא יהיה עוד המים למבול...**" ארויסצולערנען אז צוויי מאל "לאו" איז א לשון שבועה. דארף מען לכאורה פארשטיין, פארוואס טאקע זאגט דער פסוק איבער צוויי מאל די שבועה; סיי ווען דער אויבערשטער זאגט דאס צו זיך אליין "**ויאמר ה' אל לבו לא אוסיף... ולא אוסיף**", און סיי ווען דער אויבערשטער זאגט דאס איבער פאר נח "**ולא יכרת... ולא יהיה עוד**"?

איז לכאורה זעט אויס אז די טעם פארוואס די תורה זאגט "**ויאמר ה' אל לבו לא אוסיף... ולא אוסיף**" איז צו לאזן הערן אז די שבועה איז געווען פאר די סיבה פון "**וירח ה' את ריח הניחוח**" - וויבאלד דער אויבערשטער האט געהאט א נחת רוח פון נח'ס קרבנות. דארף מען נאכאלץ פארשטיין, וואס איז נוגע צו וויסן די סיבה פאר די שבועה?

נאר די גמרא דערציילט (ב"ב עד.) אז רבה בר בר חנה איז אמאל געגאנגען אין מדבר און ער האט געהערט א בת קול וואס זאגט: "ווי איז מיר, אז איך האב געשוואוירן און איך האב נישט ווער עס זאל מיר דאס צושטערן". ווען ער האט דאס דערציילט פאר די חכמים האבן זיי אים געזאגט אז ער האט זיך באנארישט אז ער האט נישט גלייך געזאגט "מופר לך" און צושטערט די שבועה.

איז די גמרא מסביר, אז רבה בר בר חנה האט געמיינט אז דאס גייט ארויף אויף די שבועה וואס דער אויבערשטער האט געשוואוירן מער נישט צו ברענגען קיין מבול, וועגן דעם האט ער דאס נישט געוואלט צושטערן. אבער חכמים האבן פארשטאנען אז עס קען נישט זיין, ווייל אויב אזוי פארוואס זאגט ער "**אוי לִי שנשבעתי**" - וואס איז די גרויסע אומגליק אז ער קען נישט מיפר זיין די שבועה?! אלא מאי מיינט דאס אודאי די שבועה צו פארשיקן די אידן אין גלות, און וועגן דעם האט זיי לייד געטון פארוואס רבה בר בר חנה האט דאס נישט מיפר געווען.

זעט מען דאך פון די גמרא, אז אפילו נאך די שבועה נישט צו ברענגען קיין מבול איז נאכאלץ דא א חשש אז דער אויבערשטער כביכול קען שואל זיין אויף דעם שבועה און יא ברענגען א מבול, אויב די מענטשן וועלן זייער שטארק זינדיגן און עס וועט זיין א פתח שואל צו זיין אויף די שבועה.

אבער דער דין איז דאך (יו"ד סי' רכח סעי' כ) אז איינער וואס שווערט זיך "על דעת חבירו" דאס הייסט א שבועה וואס איז פאר זיין חבר'ס טובה, און ער שווערט זיך דאס ווייל זיין חבר האט אים א טובה געטון, קען ער נישט מיפר זיין די שבועה נאר מיט זיין חבר'ס הסכמה.

טאקע וועגן דעם קומט די תורה זאגן אז די שבועה פון "**לא אוסיף - ולא אוסיף**" איז לכתחילה נתעורר געווארן ביים אויבערשטן צוליב די סיבה פון "**וירח ה' את ריח הניחוח**" - ווייל ער האט געהאט נחת רוח פון נח'ס קרבנות, ווייל אויב אזוי הייסט עס דאך כביכול א נשבע "על דעת חבירו" פאר א נחת רוח וואס נח האט אים געטון, און אזא שבועה קען מען דאך נישט מיפר זיין נאר "מדעת חבירו", ממילא קען שוין יעצט קיין שום מקטרג נישט צושטערן די שבועה אויפן מבול און די שבועה בלייבט אויף אייביג.

# די הייליגע צוואה

ומי שישתדל בהדפסתן
יהי' לו המחבר למליץ
אם יהי' לו זכות




איר קענט שיקן קוויטלעך
צום ציון הק'
להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **אשר גאנז** הי"ו
לרגל נישואי בנו החתן **דוד** נ"י למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן בעדו שהזיווג
יעלה יפה ויזכה לבנות בית נאמן בישראל